# פרשת כי תשא י' – ט"ז אדר תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יעקב יוחנן קליין** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **שלום** נ"ו בן הר"ר **וואלף שפיערער** הי"ו, שהתקיים בבית הר"ר **ישראל איצקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה גראזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חנה מלכה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן ק"ע סעיף א') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געשטאנען די מצוה פון עשיית בגדי כהונה. מען האט געמאכט א חושן מיט א אפוד וואס האבן געהאט אויף זיך שטיינער, און אויף די שטיינער איז געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די שבטים. די לשון פונעם פסוק (שמות כח-כא) איז, והאבנים, און די שטיינער, תהיין, זאלן זיין, על שמות בני ישראל, אויף די נעמען פון יודען. עס איז זייער א שווערער פסוק, ווייל נישט די שטיינער זענען געווען אויף די שמות בני ישראל, נאר די שמות בני ישראל זענען געווען אויף די שטיינער. וואס איז די טייטש, אז די שטיינער זאלן זיין אויף די נעמען פון יודען.

**בפשטות** קען זיין, עס שטייט אין **רבינו בחיי** (בפרשתנו כח-טו), אז יעדע שטיין האט געהאט זיין שבט. אודם געהערט פאר ראובן, פטדה געהערט פאר שמעון. ווייל יעדע שטיין האט אין זיך פארשידענע סגולות, און יעדע שבט האט א אנדערע ענין, וואס זיין עבודה איז דא אויף די וועלט. און די השפעה פון יעדן שבט, איז געקומען פון זיין שטיין אויף די בגדי כהונה. די מדה און די סגולה פון די שטיין אודם, איז געגאנגען פאר ראובן. די מדה וואס דער שטיין פטדה האט געהאט, איז געגאנגען פאר שמעון. יעדע שטיין האט זיין סגולה, וואס עס טוט משפיע זיין, און עס איז געגאנגען פאר זיין שבט. און ער איז מאריך מסביר צו זיין וואס עס איז די מעלה פון יעדן שטיין, און וואס פאר א שייכות דער שבט האט געהאט מיט דעם שטיין, אז דאס איז געווען זיינס. - קומט אויס, אז נישט נאר עס איז געווען אויסגעקריצט די נעמען פון כלל ישראל אויף די שטיינער, נאר והאבנים תהיין על שמות בני ישראל, די שטיינער האבן משפיע געווען אויף די שבטים זייער כח וואס זיי האבן.

**מען** זעהט אז שבט יששכר, זענען אויסגעוואקסען די גרעסטע תלמידי חכמים פון גאנץ כלל ישראל. אזוי שטייט אין פסוק (דברי הימים א יב-לג) ובני יששכר יודעי בינה לעתים, ראשיהם מאתים, צוויי הונדערט ראשי סנהדראות איז געווען פון יששכר. עס האט אויך א שייכות מיט די מגילה, ויאמר המלך לחכמים יודעי העתים (אסתר א-יג), אחשורוש האט געפרעגט קודם די חכמי ישראל אז זיי זאלן אים פסקענען וואס צו טון מיט ושתי, און די גמרא (מגילה יב:) זאגט, אז די חכמי ישראל האבן זיך ארויסגעדרייט, און זיי האבן אים נישט געוואלט ענטפערן, ווייל זיי האבן געוואוסט אז וואס זיי וועלן אים ענטפערן וועט נישט טויגן. צו וועם איז ער געגאנגען פרעגן די שאלה, זאגט דער מדרש, אז ער איז געגאנגען פרעגן שבט יששכר, ווייל אויף זיי שטייט אין פסוק, אז זיי זענען יודעי בינה לעתים. דאס איז טייטש, אז אחשורוש האט אויך געוואוסט אז די גרעסטע תלמידי חכמים זענען דא ביי שבט יששכר. פארוואס האט יששכר זוכה געווען צו זיין די

חשוב'סטע שבט אין תורה, מער פונעם גאנצן כלל ישראל.

**איך** האב געטראכט, מען האט שוין אמאל גערעדט דערפון, אז משה רבינו איז געווען דער ארימסטער יוד פון גאנץ כלל ישראל. פאר דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו משה רבינו ביים סנה, שטייט אין פסוק (שמות ג-א) ומשה היה רועה את צאן יתרו, ער איז געווען א פשוטער פאסטוך. אפילו אייגענע שעף האט ער נישט געהאט, ער איז געווען א פאסטוך פאר די שעף פון יתרו. ווען משה רבינו וואלט געהאט פרנסה, וואלט ער נישט געווען א רועה צאן, ער האט געהאט וויכטיגער וואס צו טון מיט די צייט, ווי צו זיין א רועה צאן פון יתרו. עס קוקט אויס, אז אסאך האט ער נישט פארמאגט. דאס ביסל וואס ער האט יא פארמאגט, האט ער אלעס איבערגעלאזט אין מדין. ער האט דארט איבערגעלאזט די ווייב מיט די קינדער, און ער האט געגנומען א חמור, און ער איז געגאנגען קיין מצרים, אויסצופירען די שליחות פונעם אייבערשטען. און פון דארט איז ער מער נישט צוריקגעגאנגען קיין מדין, נאר ער איז געגאנגען צוזאמען מיט גאנץ כלל ישראל אריין אינעם מדבר. ער האט נאר געהאט זיין פעקל וואס ער האט מיטגענומען מיט זיך אויפן חמור, דאס איז די גאנצע וואס ער האט פארמאגט.

**ווען** יודען זענען ארויס פון מצרים, האבן זיי געהאט רכוש מצרים, וישאלו איש מאת רעהו וגו' כלי כסף וכלי זהב (שמות יא-ב). אבער דאס האט נישט געקענט נעמען, נאר די וואס האבן געארבעט אין מצרים, ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול (בראשית טו-יד). עס איז געווען שכר עבודה (סנהדרין צא.). משה רבינו וואס האט נישט געארבעט אין מצרים, ער איז אפילו נישט געווען אין מצרים די גאנצע צייט פונעם שיעבוד, פאר אים איז נישט געזאגט געווארן אז ער דארף גיין לייען כלי כסף וכלי זהב, דאס איז נאר געזאגט געווארן פארן פאלק. דבר באזני 'העם', דו זאלסט רעדן צום פאלק, וישאלו. עס שטייט אין מדרש (שמו"ר ה-טז), אז גאנץ שבט לוי איז נישט געווען אינעם שיעבוד, איז מעגליך אז צו גאנץ שבט לוי איז נישט געזאגט געווארן וישאלו איש מאת רעהו כלי כסף, זיי זענען נישט געווען בארעכטיגט דערויף. קומט אויס, אז משה רבינו האט נישט געהאט פאר זיך גארנישט, און פון די רכוש מצרים האט ער אויך נישט געהאט.

**ווען** מען איז געקומען צום ים, איז ווייטער געווען ביזת הים, וואס ביזת הים איז געווען נאך גרעסער פון ביזת מצרים. אפילו שבט לוי וואס האט נישט געהאט קיין רעכט צו נעמען פון רכוש מצרים, אבער ביזת הים איז געווען הפקר, אזוי איז די הלכה (בבא מציעא כד.) המציל מזוטו של נהר הרי אלו שלו, האט יעדער געקענט זוכה זיין פון דארט, און אפילו שבט לוי האט אויך געקענט נעמען פון דארט געלט. אבער אויף משה רבינו שטייט אין פסוק (שמות יג-יט) ויקח משה את עצמות יוסף עמו, משה רבינו האט מיטגענומען די עצמות פון יוסף. און די גמרא (סוטה יג.) זאגט, חכם לב יקח מצות (משלי י-ח), אלע יודען האבן עוסק געווען אינעם ביזה, און ער איז געווען פארנומען מיט א מת מצוה, ער האט אפגעהיטן די ביינער פון יוסף. קומט אויס, אז משה רבינו האט נישט געהאט גארנישט, נישט פון שטוב, און נישט קיין רכוש מצרים, און נישט קיין ביזת הים. און וועגן דעם געפונט מען (קידושין לג: וברש"י שם), אז מען האט חושד געווען משה רבינו, והביטו אחרי משה (שמות לג-ח), אז וואס ער האט, האט ער גענומען פון אונז, ווייל זיי האבן געוואוסט אז משה רבינו האט נישט.

**ווען** עס איז געקומען צו נדבות המשכן, האט מען נישט געקענט געבן נאר די פופצן זאכן וואס איז אויסגערעכנט אין די פרשה, תכלת וארגמן ותולעת שני וכו'. מען האט נישט געקענט געבן א טשע"ק אז מען זאל איינקויפן וואס מען דארף, נאר מען האט צוזאמגענומען די זאכן וואס מען האט געדארפט האבן פארן משכן. לכאורה האט משה רבינו נישט געהאט קיין סאך וואס ער האט געקענט געבן צום משכן. - אבער עס איז נישט אזוי, ווייל ווען משה רבינו האט צובראכן די לוחות, און ער איז ארויפגעגאנגען אויבן אין

הימל, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, פסל לך (שמות לד-א). ער האט אים געוויזען א מחצוב של סנפרינון בתוך אהלו, ער האט געהאט דארט א דיאמאנט גראבונג, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז פון דעם זאל ער אויסהאקן שטיינער פאר די לוחות, און די פסלתן של לוחות וועט זיין דיינס. ומשם נתעשר משה הרבה, און פון דעם איז ער געווארן א עושר. אבער פון דעם עשירות האט ער נישט געקענט געבן פאר נדבות המשכן, ווייל מען האט נישט געדארפט האבן דארט קיין דיאמאנט שטיינער. מען האט געדארפט האבן תכלת ארגמן תולעת שני און שש אזוי ווי עס איז אויסגערעכנט אין פסוק. האט משה רבינו נישט געהאט וואס צו געבן.

**צווישן** די שטיינער וואס איז געווען אויפן חושן, איז געווען איין שטיין וואס האט געהייסען ספיר. נופך ספיר ויהלום (שמות כח-יח). ספיר טייטשט דער תרגום יונתן אז דאס איז סנפרינון. דעם ספיר שטיין, דאס האט משה רבינו געהאט, ווייל דאס איז געווען זיין אוצר. קומט אויס, אז ער האט טאקע נישט געהאט וואס צו געבן פארן נדבות המשכן, אבער עס איז זיכער אז משה רבינו האט געגעבן דעם ספיר פון זיין סנפרינון וואס ער האט געהאט, און דאס איז געווען זיין נדבות המשכן.

**ספיר** איז געווען די שטיין פון יששכר, יששכר'ס נאמען איז געווען אויפגעשריבן אויפן ספיר. און אזוי ווי די שטיינער זענען דאך והאבנים תהיין על שמות בני ישראל, די אבנים האבן משפיע געווען אויפן שבט. און אז די שטיין האבן זיי באקומען פון משה רבינו, וואס ער איז געווען דער עמוד התורה, איז אין דעם שטיין געלעגן א כח אויף משפיע צו זיין תורה. און וועגן דעם איז יששכר אויסגעוואקסען, ווייל זיי האבן געהאט זייער יניקה פון ספיר, וואס דאס האט מען באקומען פון משה רבינו.

**עס** שטייט אין פסוק (שמות לה-כז) והנשיאים הביאו את אבני השוהם ואת אבני המילואים, די נשיאים האבן געברענגט די שטיינער, זאגט רש"י, נשאים חסר כתיב, עס פעלט פון דאס ווארט נשיאים די אות יו"ד, ווייל זיי האבן געזאגט אז זיי וועלן ברענגען נאכדעם וואס אלע וועלן שוין ברענגען. און ווייל זיי האבן זיך מתעצל געווען, און זיי האבן נישט געברענגט אין אנהייב נאר צום סוף, פעלט פון זיי דאס אות יו"ד.

**לוט** דעם קען זיין, אז די נשיאים האבן געברענגט אלע שטיינער וואס האבן אויסגעפעלט פארן חושן און פארן אפוד, אבער איין שטיין איז געווען חסר וואס זיי האבן נישט געברענגט, ווייל דעם ספיר שטיין האט משה רבינו געהאט, און דאס האבן זיי נישט געדארפט ברענגען. קומט אויס, אז מען האט נאר געדארפט האבן די איבריגע שטיינער אויסער דעם ספיר. והנשיאים הביאו את אבני השוהם ואת אבני המילואים, איז נשיאים חסר, צו ווייזען אז זיי האבן נישט געברענגט אלע אבני שוהם, ווייל ספיר האט געגעבן משה רבינו.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי מנחם נפתלי טייטלבוים שליט"א** אב"ד טשענסקאוויץ, עב"ג בן **הרה"ג רבי אברהם ברוך זינגער שליט"א** אב"ד אלכסנדר, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **מאיר חיים אייזענבאך** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שבתי יצחק ברוינער** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסדר קידושין אצל החופה של החתן **מרדכי** נ"ו, בן הר"ר

**יחיאל הערש קליין** הי"ו (תלמיד ישיבתנו הק'), עב"ג בת הר"ר **שמעלקא דופלט** הי"ו, שהתקיים באולם ווילהאוויץ.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת ליבערמאן, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם דוד ליבערמאן** ע"ה).

*

***יום שלישי פרשת כי תשא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו הגדול. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **עזריאל יהודא ברייער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

בשעות הערב התקיים האפשערן של בן הר"ר **טובי' ליכטמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **זרח רייך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם דוד קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה עבר **רבינו שליט"א** לבית חתנו **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי, והשתתף אצל הוואך נאכט לרגל הולדת הנין למזל טוב אצל נכדו הרב **אברהם ברוך באב"ד** שליט"א. במשך שעות הלילה עברו המוני אנשי שלומנו וידידים וקרובי המשפחה - ובתוכם רבנים ודיינים קרובי המשפחה שליט"א - לאחל ברכת מזל טוב **לרבינו שליט"א** ולהסבים הרבנים הגאוה"צ שליט"א.

*

***יום רביעי פרשת כי תשא – תענית אסתר***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של נינו, בן לנכדו הרב **אברהם ברוך באב"ד** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש מנחת חינוך טארטיקוב.

בשמחת הברית נתכבדו בעלי וראשי השמחה: **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי במוהלות. **הרה"ג רבי חיים יהושע באב"ד שליט"א** מטארטיקוב בסנדקאות. **רבינו שליט"א** בברכות. **הגה"צ אבד"ק זאליזשא שליט"א** בקריאת השם. **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** בעמידה לברכות. ויקרא שמו בישראל **'משולם זלמן'** על שם זקינו הרב **משולם זלמן גלאנץ** ז"ל.

*

***יום חמישי פרשת כי תשא – יום הפורים***

ביום הפורים כאשר הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה אחר תפלת שחרית וקריאת המגילה, קיים מצות משלוח מנות לרבני ואדמור"י העיר, וקרובי המשפחה. אחר כך נטל ידיו לסעודה, וקיבל המוני אנ"ש במשך שעות היום במשלוח מנות, ולהפקד בדבר ישועה ורחמים.

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודת פורים השנית בביתו נאוה קודש (והפסיק לתפלת מעריב אחר אכילת הדגים), והשתיה כדת של תורה, כשכל כולו חטיבה אחת של התעוררות ודביקות עילאה, בעת ששרים ניגוני כיסופים וערגה, ניגוני חב"ד עתיקים, המעוררים לב ונפש בצמאון להשי"ת.

♦ אחר ששרו הניגון 'על הסלע הך ויצאו מים' (ניגון חב"ד), שאל אחד מהמסובים מהו הענין לזמר ניגון כזה. והוסיף **רבינו שליט"א** דהנה גם על עצם התפלה יקשה, הלא מבקשים (בתפלת גשם) שישפיע לנו גשם בזכותו של משה, ובצדקו חון חשרת מים, ומזכירים חטא מי מריבה שהכה את הסלע ויצאו מים.

ואמר **רבינו שליט"א** שהדברים פשוטים, על פי מה שכתוב **בתולדות קול אריה** (בהוספות דף כב) שפעם שבת **הגה"ק הקול אריה זי"ע** אצל **הרה"ק רבי יהודא צבי מראזלא זי"ע** בשב"ק פרשת חוקת, **והרה"ק מראזלא** דרש בסעודה שלישית דברים נפלאים בחטא מי מריבה, וגודל הסודות שכיוון משה רבינו במעשה הלזו. **והקול אריה** אמר שכל ימיו לא שמע דברי תורה כאלו. ובאמצע הדרוש אמר **הרה"ק מראזלא** 'הלואי שתצא נשמתי אחר אריכת ימי', בכוונות קדושות כאלו אשר בהם הכה משה רבינו

את הסלע' ע"כ. הרי לנו שהגם שכלפי שמיא נחשב לחטא במה שהכה את הסלע, מכל מקום בגודל צדקתו יצאו מים מצור החלמיש.

ולזה אנו מבקשים בתפלת גשם, שהגם שאין אנו במדריגה שנהיה ראויים לזה, ולפעמים גם המנהיגים שמבקשים עלינו אינם ראויים שיושפע עבורם ממרום שפע טוב, מזכירים זכותו של משה שהגם שחטא בעת שהכה את הסלע, חטא כזה שלא נמחל לו, ובעבורה לא נכנס לארץ, ואפילו הכי נענה משמי מרום ויצאו מים, ולכן גם לנו אל תמנע מים. – וזהו הלימוד זכות שמבקשים בעת שמנגנים ניגון זה, שבכל מצב שאנו עומדים, הקב"ה לא ימנע מאתנו כל טוב.

♦ בעת שניגנו הזמר 'ימין ה' רוממה ימין ה' עושה חיל' (תהלים קיח-טז), אמר **רבינו שליט"א** לבאר הכוונה, דהנה ענין האמונה הוא על העבר והעתיד וההוה, ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד. וזה נרמז בשם הוי"ה שיש בו צירוף אותיות היה הוה ויהיה. וכמו כן בפרטיות הנוגע להנהגת האדם, יש לו להאמין שה' אתו מיום הולדו עד יום מותו, ויש השגחה פרטית עליו הן בהעבר והן בהעתיד והן בההוה. והנה על מה שכבר עבר על האדם, להאמין שזה היה לטובתו, זהו אצל כל יהודי בשלימות, שהרי סוף דבר הכל נשמע שהיה לטובה בהשגחה פרטית ובחשבון נפלא, וכמו כן האדם מקוה תמיד על העתיד שיעזרהו ה' ויעמוד לימינו. אך עיקר הנסיון הוא על ההוה, שברגע ההוא שעומד בו בעת צר לו, יאמין שהקב"ה מנהג כל ענייניו, ומה שה' נותן לו היום הוא הטובה הגדולה ביותר שאפשר לו לקבל, ואין לנפשו טוב יותר מזה[א].

והנה האותיות י-ה מורה על היה ויהיה, והאותיות ו"ה מורה על ההוה, וזהו 'ימין ה', היינו צד הימין של השם הוי"ה, היינו אותיות י-ה שמרמז על היה ויהיה, 'רוממה', זהו מרומם ונעלה גם כעת בגלותינו, ו'ימין ה' עושה חיל'. ואנו בתפלה שנזכה שכל השם יתעלה בשלימותו, ומלאה הארץ דעה את ה'.

♦ אחר שמזגו **לרבינו שליט"א** כוס יין נענה ואמר: עס איז שוין כוס חמישי..., כוס חמישי איז אקעגן אליהו הנביא, ביי כוס חמישי זאגט מען שפוך חמתך אל הגויים. איך בין נתגדל געווארן אין א שטוב פון נאך די קריג, דעם שפוך חמתך וואס מען האט דעמאלטס געזאגט, די יודען וואס האבען דאס מיטגעמאכט, איז געווען מיט א אנדערן טעם. **מיין טאטע ז"ל** האט כמעט יעדעס יאר איבערגעזאגט דעם זעלבן טייטש, שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך, ועל ממלכות אשר בשמך לא קראו, כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו (תהלים עט-ו). ואת נוהו השמו איז דער טייטש, אז זיי האבן צושטערט די יודישע וואוינונגען. פלעגט ער אלץ צו זאגן, אז אמאל איז געווען א שטוב פון א טאטע מיט א מאמע, מיט א זיידע, און אמאל א עלטער זיידע. עס איז היינט געווארן א דור וואס מען קען נישט די זיידעס, מען קען נישט די עלטער זיידעס. ואת

---

[א] **בשמן ראש** (לפסח ח"א דף ריא) ביאר **רבינו שליט"א** בזה מה שנוהגין בפסח ליקח להסדר ג' מצות, ועל המצה האמצעית עושין יחץ, ומצניעין אותו עד אחר הסעודה. דהנה מצה נקראת **בזוהר הק'** (ח"ב מא.) בשם מיכלא דמהימנותא, וכמו שאמר הכתוב (שמות יב-לט) ויאפו את הבצק אשר הוציאו ממצרים עוגות חמץ וגו' וגם צדה לא עשו להם, וכתב רש"י מגיד שבחן של ישראל שלא אמרו היאך נצא למדבר בלא צדה אלא האמינו והלכו, הוא שמפורש בקבלה (ירמיה ב-ב) זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה (מכילתא) ע"ש. אם כן המצה מורה על גודל האמונה שיש לבני ישראל בהקב"ה. והנה עיקר האמונה הוא על ג' זמנים שהוא היה הוה ויהיה, והוא משגיח בהשגחה פרטית על העבר והעתיד וההוה, ולכן לוקחים ג' מצות מיכלא דמהימנותא, להורות על כל פרטי האמונה שאנו מאמינים בו יתברך.

ולכן המצה הראשונה שהוא נגד היה, וכן המצה התחתונה שהוא נגד יהיה, מניחין אותן שלימות, לרמז כי החלקים אלו של האמונה שלמים הם אתנו, אבל המצה האמצעית שהוא כנגד הוה, זה אנו שוברים לחצאים. ומניחין לפנינו רק חציו, להורות כי חלק זו של האמונה עדיין אינו שלם אצלינו, ורק מקצת ממנו יש לפנינו, ולכן טומנין את חציו הגדולה לצדדין. רק אחר שהארכנו לספר ביציאת מצרים הנסים והנפלאות שעשה אתנו, ואנו מתבוננים בגודל חסדי ה', אנו מגיעים לשלימות מדריגת האמונה, להאמין גם על ההוה שהכל הוא לטובה, ואז לוקחין לפנינו גם חלק המצה מיכלא דמהימנותא שהיה מונח וטמון עד עתה, כי כעת גם מצה זו הוא בשלימות כבר (ועיין עוד **בשמן ראש** לסוכות ח"ב דף מב).

נוהו השמו, די גאנצע אויסקוק פון א יודישע שטוב האבן זיי פארשטערט, שפך עליהם זעמך וחרון אפך ישיגם. זיי האבן עס געזאגט מיט אזא געפיל, זיי האבן זיך נאר געפריידט צו זעהן די נחמה און די נקמה וואס דער אייבערשטער וועט נעמען פון די אומות העולם. מען האט אזוי הארציג געזאגט דעם שפוך חמתך אל הגויים אשר לא ידעוך. היינט זאגט זיך עס נאר אזוי אין די הגדה, אבער פאר די וואס האבן עס מיטגעלעבט, האט עס געהאט א אנדערע באדייט ווען זיי האבן געזאגט די ווערטער.

**עס** איז נישט צו פארשטיין וואס די יודען זענען אדורכגעגאנגען. מען האט קיינמאל נישט גערעדט דערפון, איך האב קיינמאל נישט געהערט מיין טאטן רעדן פון די קריג. מיר האבן געוואוסט אז עפעס איז געווען, אבער מען איז געווען בעלי דרך ארץ אמאל, און עס איז ניטאמאל איינגעפאלען איבערצופרעגן א טאטן א זאך וואס ער האט נישט געזאגט פון זיך אליין. איך האב אים קיינמאל נישט איבערגעפרעגט ווי אזוי עס איז אדורכגעגאנגען די קריג. יעצט ווען מען קוקט צוריק, פארשטייט מען וואס דאס האט געמיינט. אבער דעמאלטס איז נישט איינגעפאלען צו פרעגן וואס עס איז געווען, און ווי אזוי עס איז געווען. זיי האבן קיינמאל נישט גערעדט דערפון, זיי האבן געוואלט פארגעסן דערפון, זיי האבן געוואלט אויפשטעלן א נייע שטוב, מיט שמחה און פרייליכקייט, נישט מיט קיין צובראכענקייט. שפך עליהם זעמך וחרון אפך ישיגם, דער אייבערשטער זאל אויסגיסן זיין חרון אף אויף די אומות העולם.

אחר שעה תשע וחצי עבר **רבינו שליט"א** לבית מדרשנו לעריכת שלחנו הטהור לכבוד היום. איה השוקל ואיה הסופר לתאר גודל התרוממות הנפש והתעוררות הגדולה ששרתה קרוב לחמש שעות, בעת אשר כטוב לב המלך ביין, השפיע עלינו שמחה וחדוה עילאה ממעון הברכות, והשמיע משיחותיו הקדושות המלאים זיו ומפיקים נוגה, בביאורים מאירת עינים בפסוקי המגילה, מילין קדישין ושיחות קודש דברי חיזוק באמונה ובטחון ואהבת השי"ת, אשרי עין ראתה כל אלה.

בין השיחות ניתן ריוח להתבונן בשמחת היום, כששרים ומזמרים ניגוני שמחה וששון, וכל קהל הקודש רוגשים ורוקדים בעוז ותעצומות בחדוה עילאה. בין הפרקים נשמעו דברי בדחנות מהרה"ח רבי **שרגא בלומענבערג** הי"ו, ובנועם אמרותיו ובחרוזים מיוחדים חזר על הדברות קודש שאך זכינו לשמוע **מרבינו שליט"א**. גם נשמעו במשך השולחן דברי בדחנות בטוב טעם על ידי הר"ר **וועלוול פעלדמאן** הי"ו. - מה מאוד גברו הריקודין והשמחה עת שעלה **רבינו שליט"א** על השולחן אשר לפני ה', ומפזז ומכרכר בכל עוז בשבח והודיה להשי"ת, בניגוני יראו עינינו וישמח לבנו, גוטס אריין א נחמה'לע וכו', אם על המלך טוב וכו', נאר אמונה אין בורא כל העולמים. כמו כן הטיבו נגן בכלי שיר הבחור **חיים שמואל העלפאנט** נ"ו, בניגוני שמחה לכבוד היום.

בברכת המזון נתכבד הרה"ג **דוד ארנסטר** שליט"א (ירושלים עיה"ק). אחר ברכת המזון הכריז **רבינו שליט"א** בקול: 'אכט איין און פערציג איז סוף זמן קריאת שמע'. ועברו כל הקהל לקבל כוס של ברכה, בעוד שממשיכים בניגוני שירה וזמרה לכבוד היום, ובנגונים מיוחדים לכבוד יום השבת קודש הממשמש ובא, **ורבינו שליט"א** יצא מבית המדרש [לערך בשעה שלש בלילה] בקול שירה וזמרה, ימים על ימי מלך תוסיף וכו'.

**<u>נצטט בכאן איזה פנינים וציטוטים שנשמעו מפי רבינו שליט"א במשך סעודת היום ובעריכת השולחן הטהור</u>** <u>*(שאר הדברי תורה נדפס בגליון דברי תורה):*</u>

♦ אחר שביאר **רבינו שליט"א** [באומרו 'איך מיין אז עס איז א דבר אמת לאמיתו של תורה'] שבשנה הראשונה בשנת הנס עשו כל ישראל מעצמם משתה ושמחה על גודל הנס, והשתתפו בשמחתן של שושן ביום ט"ו. ובזה ביאר דמשום הכי גם בשנים שאחרי כן, שקבעו חז"ל שערי הפרזות יעשו ביום י"ד, עדיין ממשיכים הסעודה ליום ט"ו , שלא לבטל דבר טוב שהנהיגו את עצמם מרשות לחגוג את יום ט"ו, הוסיף ואמר: געדענקטס, יעדע דבר טוב וואס א יוד האט געטון, אפילו נאר איינמאל, און אפילו ער איז נישט געווען מחויב עס צו טון, אבער וויבאלד ער האט עס געטון,

אפילו שפעטער קומען די חכמים און זיי זאגן אז מען דארף עס נישט טון אזוי, נאר מען דארף עס טון אנדערש. אבער וויבאלד דו האסט געטון א גוטע זאך, האלט דיך צו די גוטע זאך. לאז עס נישט איבער. מען דארף עס טון ווייטער אויך. וועגען דעם הייבן יודען אן זייער יום טוב פון פורים ביום י"ד, און מען ציהט עס אריין ביום ט"ו.

**די** וועלט זאגט, אז אנטון א שטריימל איז נישט קיין חיוב, מען דארף נישט אנטון א שטריימל. אבער ווען מען האט אנגעטון א שטריימל, און מען טוט עס אויס, איז מען א שגץ. מען איז נישט מחויב, אבער אז מען האט עס געטון און מען לאזט עס איבער, איז מען א שגץ..

*

♦ אחר שדיבר **רבינו שליט"א** בענין מה שאמרו חז"ל (שבת פח.) הדר קבלוהו בימי אחשורוש מאהבת הנס, המשיך בדבריו על עבודת ה' בשמחה שזוכים לקיים מצוות ה', ובדברי ציפיה לביאת המשיח, באומרו: מיר זענען נישט יודען ווייל מען האט אונז געצווינגען, מיר זענען יודען ווייל מיר ווילן זיין יודען, מיר האבן עס מקבל געווען מיט א ליבשאפט, מיר האבן אנגעהויבן צו פארשטיין די אהבה וואס דער רבונו של עולם האט צו אונז. די ליבשאפט וואס דער אייבערשטער האט געהאט צו כלל ישראל בשעת דער אייבערשטער האט געמאכט דעם נס פורים. היינטיגן טאג איז ביי אונז קבלת התורה, מיר זענען נאכאמאל מקבל די תורה יעדעס יאר, מיט אן אהבה און מיט א ליבשאפט. מיר גייען זיין יודען, מיר גייען טון וואס די תורה וויל פון אונז! נישט ווייל מען האט אונז געצווינגען, נישט ווייל מיר האבן נישט קיין ברירה, איך בין 'נעבעך' געבוירען געווארן א יוד, און איך בין 'נעבעך' מחוייב מקיים צו זיין די מצות פונעם אייבערשטן. עס איז ביי אונז א שמחה און א פראכט! מיר דאנקען דעם רבונו של עולם יעדן טאג מיט א ברכה שלא עשנו גוי, מען דאנקט דעם אייבערשטן אז מיר זענען נישט פון די גויי הארץ, מיר לעבן אויף די וועלט מיט א תכלית.

**יבוא** יום, עס וועט קומען א טאג וואס אלעס וועט דאך נתגלה ווערן, און פון אלע הבלי עולם הזה וועט גארנישט ווערן. מיר גייען איבערלאזן דא אונזער גאנצע געלט, מיט די ביזנעס און געשעפטן. עס וועט קומען א טאג וואס דער אייבערשטער וועט גואל זיין כלל ישראל, מיר אלע האפן און ווארטן אויף דעם, מיר זענען מחכים לביאתו. נישט נאר מיר גלייבן אז דער אייבערשטער וועט אויסלייזן יודישע קינדער, נאר מיר האפן אז עס וועט זיין במהרה בימינו, אין אונזערע טעג. מיר יודען וואס מיר זיצן היינט דא, מיר גלייבן מיט א אמת, אז מיר וועלן זוכה זיין צו זעהן ביאת המשיח, מיר וועלן זוכה זיין צו זעהן ווי אזוי משיח וועט נתגלה ווערן אויף די וועלט, און עס וועט זיין והיה ה' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד. מען וועט זוכה זיין, זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן. אלע קרישקעלעך וואס דרייען זיך אינעם קאפ, וועט אלעס בטל ווערן. אלע ספיקות, מיט אלע פראבלעמען וואס מיר האבן, וועט אוועקגיין כחלום יעוף. מען וועט זעהן מיט די אייגענע אויגן, יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשנו בישועתך באמת, מען וועט זוכה זיין צו זעהן ווי אזוי דער אייבערשטער וועט זיך מגלה זיין פארן כלל ישראל, והיה ה' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד.

**מען** זאגט יעדן טאג קריאת שמע, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד (דברים ו-ד), עטץ ווייסטס וואס עטץ זאגטס? מען האט אמאל איבערגעטראכט פירוש המילות וואס מיינט שמע ישראל? איך וועל איבערזאגן וואס רש"י טייטשט. רש"י איז פשוטו של מקרא, וואס דאס מיינט צו זאגן, אז פון דעם קען מען זיך נישט אוועקרירן. ווען א יוד זאגט יעדן טאג שמע ישראל, דארף ער אינזינען האבן די פירוש המלות. רש"י טייטשט, 'שמע ישראל', הערטס צו אידן, 'ה'', דער אייבערשטער, 'אלקינו', וואס יעצט איז ער נאר אונזער גאט. די גאנצע וועלט איז נישט מכיר אינעם אייבערשטן, נאר כלל ישראל. אבער לעתיד וועט זיין, 'ה' אחד', דער אייבערשטער וועט זיין איין גאט פאר די גאנצע וועלט. דאס איז פשוט פירוש המלות, יעצט איז דער

אייבערשטער אלקינו, יעצט איז ער נאר אונזער גאט, 'ה' אחד', אבער עס וועט קומען אמאל א צייט וואס דער אייבערשטער וועט זיין אחד.

**עס** איז ביי מיר נישט קיין שום ספק, אז אונז, אונז, איך זאג עס נאכאמאל איבער, כלל ישראל וואס געפינט זיך דא, וואס מיר זענען מחכים לביאתו, מירווארטן אז דער אייבערשטער זאל ברענגען פאר אונז די גאולה, מיר וועלן זוכה זיין אז מיר וועלן זעהן ה' אחד. אלע אומות העולם, פון טראמ"פ ביז אלע עקן פון די וועלט, נישט קיין מלכים, נישט קיין שרים, נישט גארנישט, נאר ה' אחד! עס איז דא איין רבונו של עולם אויף די וועלט. יעדער וועט מכיר זיין, ומלאה הארץ דעה את ה', כמים לים מכסים (ישעיה יא-ט), עס וועט אראפקומען אזא דעה אויף די וועלט, וואס יעדער גוי וועט מכיר זיין, אז עס איז דא א הנהגה אויף די וועלט.

**מען** איז צוגעוואוינט צו טבע, אז זאכן וואס זענען טבע, גייט אלעס מיט א סיסטעם. אלעס גייט מיט א חשבון, און ווען עס מאכט זיך אמאל א זאך וואס איז חוץ לדרך הטבע, איז עס אזוי ווי א נס. מען וועט געוואויר ווערן אמאל, אז אלעס איז געווען אנגעפירט פונעם אייבערשטן! עס איז נישט דא קיין שום טבע, עס איז נישט דא קיין שום זאך, אז עס האט זיך אזוי געמאכט. איך בין אריינגעפאלען אינעם סיסטעם, און וועגן דעם האט פאסירט ביי מיר אזוי און אזוי. קיינער פאלט נישט אריין אין קיין סיסטעם, עס איז נישטא קיין סיסטעם, עס איז דא אן השגחה פרטיות פונעם רבונו של עולם אויף די גאנצע וועלט! יעדער איינער פאר זיך איז אויסגעשטעלט אזוי שיין, פון ווען ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, ביז ער דארף צוריקגעבן זיין נשמה. זיין גאנצער מהלך החיים, איז אלעס אויסגעשטעלט פונעם רבונו של עולם. ארבעים יום קודם יצירת הולד מכריזין בת פלוני לפלוני, בית פלוני לפלוני (סוטה ב.), דיין שידוך וואס דו האסט געטון, איז נישט ווייל איך בין געבוירען געווארן אין די שטוב, האב איך נישט געקענט טון קיין אנדערן שידוך, נאר דעם שידוך. בית פלוני לפלוני, די פלאץ וואו איך וואוין איז נאר וועגן דעם, ווייל איך האב געטון אזא שידוך, האב איך געדארפט וואוינען אויף דעם פלאץ. אלעס איז נאר אין חלקים פון טבע. נישטא קיין טבע אויף די וועלט! א יוד דארף לעבן מיט דעם. אז אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן. ווען דו ענדיגסט דיין וועלט, זאלסטו וויסן, אז וואס דו ביסט אדורכגעגאנגען איז געווען אנגעשריבן מתחלתו ועד סופו! דאס איז נישט קיין תורות, דאס איז נישט קיין תורה פאר פורים, און דאס איז נישט קיין תורה פאר א גאנץ יאר. דאס איז א' ב' פון א יוד! א' ב' פון א יוד איז, צו גלייבן מיט אן אמונה שלימה, אז עס איז נישטא קיין זאך וואס פירט זיך בטבע, אלעס איז מיט אן השגחה פרטיות. אלעס פירט דער אייבערשטער אויסגערעכענט פאר דיר, און וואס עס איז די בעסטע פאר דיר אויף די וועלט! דעם שידוך האסטו געדארפט טון; צו דעם דזשא"ב האסטו געדארפט צוקומען; אין די הויז דארפסטו וואוינען; די שטאט וואס דו געפינסט זיך; די סביבה וואס דו דרייסט זיך; אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן!

**מיר** זענען נישט אריינגעפאלן אין כלל ישראל, איך געפין זיך נאר דארטן אין א ציבור. איך געפין זיך אין כלל ישראל וואס דער אייבערשטער האט אונז בוחר געווען. אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו, יעדער פון אונז האט דער אייבערשטער בוחר געווען, און ער האט אונז געגעבן די תורה.

**והיה** ה' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה, דעמאלטס וועלן מיר פארשטיין, ה' אחד ושמו אחד, אז אלעס איז פונעם אייבערשטן. דאס איז דער יום טוב פון פורים, וואס אלע ניסים פון פורים איז נישט קיין זאך וואס האט פאסירט חוץ לדרך הטבע, אלעס איז אינעם טבע אליין. דער אייבערשטער האט אונז געלערנט, אז אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן, די גאנצע נס פון פורים איז אלעס געווען איין זאך וואס האט צוגעברענגט די צווייטע, און די צווייטע צו די דריטע. אלעס איז געווען אז מען זאל אנקומען צו דעם שפיץ צו וואס דער אייבערשטער האט געוואלט. דאס איז דער יום טוב פון פורים.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן קענען אויסצונוצען דעם הייליגן יום טוב אויף מקבל צו זיין די תורה מיט פרייליכע הערצער. שמע ישראל, ה' אלקינו, וואס הייסט איז ער נאר אונזער גאט, זאלן מיר זוכה זיין ה' אחד, אז לעתיד וועט דער אייבערשטער זיין דער גאט אויפן גאנצן כלל ישראל. יראו עינינו וישמח לבינו ותגל נפשינו בישועתך באמת, זאלן מיר אלע זוכה זיין מקבל צו זיין פני משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

♦ אחר ששמעו דברי בדחנות בענין ההשתמשות בסמארטפאון וכדו', פתח **רבינו שליט"א** בנועם אמריו: איך רעדט נישט בגנותן של ישראל, איך רעד נאר די גוטע חלק. אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, ומה יפה ירשותינו, וואויל זענען מיר, אז מיר האבן נישט קיין חלק דערין, מיר זענען נישט צוגעבינדען צו די הבלי העולם הזה. יעדער יוד דאנקט דעם אייבערשטן טאג טעגליך, שלא עשנו גוי, שלא עשנו עבד. מען דאנקט דעם רבונו של עולם אויף די גוטע זייט, אז מיר זענען נישט קיין חלק פון דעם. יעדער איינער דארף שפירן ביי זיך א געוואלדיגע שמחה, אז איך בין נישט א גוי! מיר האבן איין תכלית אין אונזער לעבן, צו דינען דעם אייבערשטן, און צו טון וואס עס קומט ארויס דערפון א כבוד ה', דאס איז אונזער תכלית פונעם לעבן. מיר זענען נישט עדיקטעט"ט צו קיין שום זאך וואס ציט אונז אוועק פון תכלית עבודת ה'. אפילו מיר קענען נישט אסאך מאל מוציא זיין מכח אל הפועל, אבער דאס זענען מיר! אונזער אינעווייניגע חלק אינעם הארץ איז צו דינען דעם אייבערשטן. צו קענען אוועקגעבן פארן רבונו של עולם אלע עניני עולם הזה, נישט צו זיין צוגעבינדען דערצו. וואס האסטו ווען דו ווייסט אלע נייעס? וואס האסטו דערפון? וואס איז דאס נוגע פאר דיר? דער אייבערשטער פירט ממילא זיין וועלט, דער אייבערשטער פירט אלעס. א מענטש דארף זעהן צו טראכטן, וואס קען איך זיך דערהויבן צום רבונו של עולם, וואס קען איך זיין נאנטער צום אייבערשטן, מקיים צו זיין תורה ומצוות ומעשים טובים. אויסצונוצן יעדע רגע פונעם לעבן פאר עבודת ה', צו דינען דעם אייבערשטן. ווייל אנדערע זאכן, נישט אז איך טאר עס נישט קוקן, נאר איך דארף עס נישט קוקן! עס אינטערעסירט מיך נישט! עס איז נישט מיין דעפארטמענ"ט. ווען א מענטש האט זיין לעבן, און זיין וועלט, און זיין תכלית צו וואס ער וויל צוקומען, איז דאס נישט נוגע פאר אים, נישט דאס איז מיין צופרידנקייט אין די וועלט. וואס האסטו דערפון ווען דו ווייסט שוין יא אלעס? וואס איז שוין געשעהן אז דו ווייסט פון די פאריעריגע נייעס? בשעת מעשה מיינט מען, מען ווערט פארבלענדט, עס דאכט זיך אז מען דארף אלעס וויסן, מען דארף אלעס מיטהאלטן. דו דארפסט נישט וויסן. דו דארפסט וויסן איין זאך, דינען דעם אייבערשטן, אריינכאפן תורה ומצוות ומעשים טובים.

**דאס** לעבן פון א מענטש איז דאך אזוי הייליג, עס איז אזוי וויכטיג אויסצונוצען יעדע רגע וואס דו לעבסט. פארוואס ביסטו דא אויף דעם עולם? צו טוען מצוות ומעשים טובים! כאפ אריין יעדע רגע וואס דו האסט, לערנען א בלאט גמרא; טוה מצוות ומעשים טובים; קוק אין דעם עשה טוב. וואס האסטו מיט דעם רע, עס איז דאך נישט נוגע פאר דיר. עס איז נאר נוגע פאר פשוטע מענטשן וואס זיי ליגן אין הבלי עולם הזה, זיי האבן הנאה, זיי האבן א תענוג, און פאר זיי אינטערעסירט זאכן. א יוד דארף זיך אויסארבעטן, אז עס זאל אים נישט אינטערעסירן די זאכן. נישט דאס איז מיין ציל אין מיין לעבן! דו ביסט דאך אראפגעקומען פאר עפעס אויף דעם עולם! **דו טראכסט, אז דו ביסט אראפגעקומען אויף די וועלט צו זיין ביזי מיט דיין סעלפאון? אויף דעם ביסטו אראפגעקומען? דאס איז דיין ציל אין דיין לעבן?** נישט דאס איז דיין ציל אין לעבן!

**איך** זאג עס גרינג, ווייל איך האב עס נישט, איך בין אבער יורד לתוך עומקה של דברים פון די וואס האבן דאס יא, אז זיי דארפן זיך מתבונן זיין, און טראכטן: נישט דאס איז מיין ציל אין

מיין לעבן! מען דארף לעבן העכער פון דעם! דאס איז גוט פאר א גוי, דאס איז גוט פאר איינעם וואס האט נישט קיין תורה ומצוות ומעשים טובים, ער האט נישט וואס אריינצונעמען אין זיך נאר אביסל ענדזשוימענ"ט, און נאך א ענדזשוימענ"ט, נאך א זאך וואס ער קען זיך גוט פילן.

**א** יוד דארף לעבן בקדושת התורה, מיט מצות ה', טוען וואס איז א נחת רוח פארן אייבערשטן. דאס דארף זיין, זיין ציל אינעם לעבן. איך בין נישט אראפגעקומען אויף די וועלט נאר צו עסן און טרינקען און שלאפן. מיר האבן געלערנט אין די גמרא (פסחים כה:), דאס איז לא אפשר ולא קמכוון. מען האט נישט קיין ברירה, און עס איז לא קמכוון, נישט דאס דארף זיין אונזער כוונה. אונזער כוונה דארף זיין, יעדע זאך וואס דו טוסט, זאלסטו טראכטן וואס האט דער רבונו של עולם הנאה דערפון. דאס איז אונזער תכלית.

**די** אלע וואס טוען זיך מתגבר זיין אויף זייער יצר, די וואס האבן נישט קיין חלק אין די אלע הבלי עולם הזה, די לעבן א נארמאלן לעבן. פשוט נארמאל! מען רעדט נישט יעצט פון קיין מדריגות. דאס דארף זיין דער נארמאלער לעבן פון א מענטש. יא אוודאי מען דארף א טעלעפאן, מען דארף הערן, מען דארף וויסן, מען דארף אפילו טעקסט'ן אמאל וכדומה, אבער מען דארף נישט זיין אדוק דערין, נישט דאס דארף זיין דיין חלק! דאס איז אלעס נאר ווייל איך האב נישט קיין ברירה, איך מוז אנקומען, איך מוז מסדר זיין מיין צייט, איך זאל קענען שנעלער אנקומען צו טון פאר כבוד שמים. אפ'פטר'ן די אלע זאכן וואס איך דארף נישט, כדי נאכדעם זאל איך קענען זיצן און לערנען רואיג, דאס איז דער ציל פון ערליכע אידן! דאס איז דער אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, ומה יפה ירושתינו, אשרינו! גליקליך זענען מיר, שאנו משכימים ומעריבים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, אויפצושטיין צופרי אין בית המדרש און זאגן שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. דאס דארף זיין דער חיות פון א איד. עס איז נישט מיין מדריגה, איך בין אויך נישט ביי דעם, איך זאג נאר וואס עס דארף צו זיין. איך בין משתוקק צוצוקומען צו די מדריגה. דאס דארף זיין דער תכלית פון א מענטש צוצוקומען, אויסנוצן דאס לעבן פאר עבודת ה'!

*

♦ אחר שזימרו ניגון 'אהבה רבה' (המיוחס להרה"ק רבי צבי הערש מרימנוב זי"ע) אמר **רבינו שליט"א**: ווער עס האט זוכה געווען צו הערן דאס זינגען ביים **סאטמארער רב זי"ע** (בחג השבועות), איז דאס אן אנדערער ענין פון וואס מען זינגט היינט. ווער עס האט זוכה געווען אין די אמאליגע צייטן, ווען מיר האבן געהאט צדיקי אמת אויף די וועלט, וואס זיי האבן באלאכטן די וועלט מיט אזויפיל קדושה וטהרה, האט דאס אריינגעברענגעט אזא חדותא דקדושה, אזא פריליכקייט, אזא שמחה, נישט מען האט ארויפגעצווינגען תורה און עבודת ה'. מען האט געפילט אז דאס איז א יוד, דאס איז אונזער ציל אין דעם לעבן, אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן. עס האט געהאט גאר אן אנדערער טעם, ווי מען זינגט עס היינט, היינט איז עס נאר ווי א רעקארד-פלעיר וואס זינגט איבער א זאך וואס איז געווען. די וואס האבן זוכה געווען דאס צוצוקוקן מיט די אויגן, האט עס אן אנדערן טעם. מען דערמאנט זיך נאר צוריק.

**עטץ** זענטס א רחמנות. עטץ האטס נישט זוכה געווען צו זעהן די געוואלדיגע ליכטיגקייט וואס איז אמאל געווען. דאס איז נישטא היינט. מען קען עס נישט צוריקברענגען. עס איז א דיסקאנטיניו"ט נומבער, עס איז א זאך וואס איז נישט שייך. עס איז אבער גוט אז מען רעדט דערפון, עס איז גוט אז מען איז עס מחדש, מען טוט עס נאכאמאל איבערטראכטן און איבערגעדענקען וואס איז געווען אמאל.

*

♦ כשהזכיר **רבינו שליט"א** דברי הגמרא במסכת מגילה (ז.) שאסתר ביקש כתבוני לדורות, הוסיף ואמר: איך האב א עקסטערע קשר צו מסכת מגילה. הערטס בחורים, מסכת מגילה איז געווען

די ערשטע מסכת וואס איך האב געלערנט אלס יונגל פאר די בר מצוה, מען האט געדארפט לערנען א מסכתא אויסער וואס מען לערנט אין חדר, האב איך געלערנט מסכת מגילה. און וועגן דעם פיל איך זיך היימיש אין מסכת מגילה. ווען איך האב געלערנט מסכת מגילה, איז דער **שאפראנער רב זצ"ל** געווען אין ישיבה, און איך האב דאך געקענט אליין לערנען א מכה בדופן. קיין 'ארטסקרול' גמרא איז נישט געווען, און קיין 'מתיבתא' גמרא איז אויך נישט געווען, און יעדן ביינאכט, וואס איך האב נישט פארשטאנען אין די גמרא, פלעג איך צוגיין צום **שאפראנער רב זצ"ל** אים פרעגן. נישט קיין גרויסע לומדות, נאר עברי מיט טייטש אין די גמרא. און דער **שאפראנער רב** פלעגט מיר אייביג אזוי שיין צו ענטפערן, ער האט מסביר געווען די גמרא. און ער האט מיר געזאגט, יונגעלע, ווען דו וועסט נישט פארשטיין, קום נאכאמאל פרעגן. און אזוי האב איך אדורכגעלערנט מסכת מגילה בשעת איך בין געווען ביי **שאפראנער רב**, און ער האט מיר געהאלפן צו קענען די מסכתא.

*

♦ כשהזכיר **רבינו שליט"א** מה שמבואר בספרי קודש (עיין **במגלה עמוקות** קפו.) שיש ששים רבוא אותיות לתורה, וכנגדן יש ששים רבוא נשמות, וקשר ה' כל נשמה לאות שבתורה שממנו יונק חיותו, אמר בתוך הדברים: איך האב אמאל געזעהן אין די ספרים פון **רבי משה וואלפסאן זאל זיין געזונט און שטארק**, וואס ער שרייבט פונעם **אר"י הק'**, אז בשעת מען הייבט אויף די תורה, ווען א יוד קוקט אויף די אותיות התורה, אזוי ווי עס שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן קלד סעיף ב, **ובמג"א** סק"ג) אז מען זאל אריינקוקן אין די אותיות פון די תורה, אויב ער איז זוכה, און ער זעהט זיין אות, ווי ער איז מקושר אין די תורה, דעמאלטס קומט אויף אים א געוואלדיגע הארה פון די אות פון די תורה. - אין איינע פון די ספרים שרייב איך דעם ווארט (עיין **בשמן ראש** חלק ראשון השלם שמות דף תנח, ודף תקסד), אז ווען מען זעהט דעם אות אין די תורה, אז דעמאלטס האט מען הארה פון די תורה איך שרייב עס פון נאמען פון **אר"י הק'**.

**איך** האב א חשובן ברודער **דער סערדאהעלער רב זאל זיין געזונט און שטארק מיט לאנגע געזונטע יארן**. ער איז מיין רבי, איך האב ביי אים געלערנט, איך בין אסאך יונגער פון אים, איך בין ערצויגן געווארן צוזאמען מיט אים, און איך האב אסאך מקבל געווען פון אים. זאגט ער מיר, אז אין **כתבי האר"י** (**פרי עץ חיים** שער יד פרק א) געפינט זיך נישט אזא זאך, אז דוקא ווען מען זעהט זיין אות אין די תורה, דעמאלטס באקומט מען א הארה. נאר אז יעדער וואס קוקט אריין אינעם ספר תורה, בשעת מען מאכט הגבה, באקומט א הארה. האב איך אים געזאגט, פיין, איך ווייס נישט, איך זאג דאך נאר וואס איך האב געזען פון רבי משה'ן זאל זיין געזונט.

**שפעטער** א שטיק צייט, האט מיר א איד געוויזן אין **ש"ך על התורה** (פרשת במדבר ד"ה איש על דגלו) וואס ער איז געווען פון די גורי האר"י, וואס ער שרייבט אזוי, אז ווען מען איז זוכה צו זעהן זיין אות אין די תורה, באקומט מען אן הארה פון די תורה. על כל פנים די ווערטער האבן א מקור.

*

♦ בתוך הדברים דיבר **רבינו שליט"א** מענין מעלת תלמידי חכמים הממיתים באהלה של תורה, ולהיות מקושר לחכמי ישראל: עס שטייט אין די גמרא (כתובות קיא:), אז עמי הארצים זענען נישט זוכה צו תחיית המתים. אבער אז מען איז דבוק צו חכמי התורה, האט מען א חלק אין די תורה. ווייל אפילו ווען א מענטש איז נישט זוכה צו תורה אליין, איז ער זוכה מיט דעם וואס ער איז דבוק צו חכמי ישראל, וואס דער אייבערשטער האט אונז נישט איבערגעלאזט, אין יעדן דור איז דא צדיקים, תלמידי חכמים, וואס זענען זיך ממית באהלה של תורה, זיי טוען אוועקגעבן זייער גאנצער לעבן פאר תורה.

**ליידער** מען שעצט עס נישט היינט. איך זאג עס נאכאמאל, מיר טוען נישט גענוג שעצן די ראשי ישיבות, וואס זענען זיך ממית באהלה של תורה, וואס געבן אוועק זייער גאנצער לעבן נאר צו לערנען תורה מיט יודען. עטץ ווייססט וואס

עס מיינט אויפצוגעבן א שטוב; אויפצוגעבן רואיגקייט; אויפצוגעבן זייער אייגענעם לעבן. זיי האבן נישט עפעס אנדערש, זיי ווילן נאר מרביץ תורה זיין, אוועקגעבן זייער לעבן אויפצושטעלן דורות תלמידי חכמים. ליידער שעצן מיר זיי נישט גענוג. ווען מיר וואלטן זיי געשעצט, וואלט מען זיי געטראגן אויף די הענט. וויפיל האבן מיר אין כלל ישראל, מען קען ציילן אויף די פינגערס. וויפיל ראשי ישיבות זענען דא וואס געבן אוועק זייער לעבן נאר צו לערנען תורה מיט יודען? עס איז טאקע דא תלמידי חכמים וואס זיצן באהלה של תורה פאר זיך וכדומה. איך רעד אבער פון די וואס לערנען תורה מיט אידישע קינדער, און זיי זענען זיך ממית באהלה של תורה, ווי ווייניג עס איז דא אין כלל ישראל פון דעם. מען וואלט זיי געדארפט טראגן אויף די הענט, און זיי מחזיק זיין מיט וואס מען קען זיי ארויסהעלפן. [**רבינו שליט"א** המשיך בביאור הכתובים כי מי בשחק יערך לה', ידמה לה' בבני אלים (תהלים פט-ז)].

**דאס** איז אונזער עבודה מען זאל נישט מלעיב זיין במלאכי אלקים, **מען זאל נישט פארשעמען קיין שום תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, אפילו מען פארשטייט אים נישט. ער האט ברייטע פלייצעס, ער פארשטייט וואס ער טוט. א יוד דארף זיך שטענדיג מכניע זיין, מיר דארפן נישט מעסטן קיינעם, מיר דארפן נישט זיין די דזשאדזשע"ס פארן כלל ישראל. מיר דארפן זיך מכניע זיין פארן רבונו של עולם, און דינען דעם אייבערשטן. די חכמי ישראל זאלן טון וואס זיי פארשטייען, און יעדער איד האט זיך זיין חלק, און זיין השקפה אין עבודת ה'. מיר דארפן דינען דעם רבונו של עולם מיט דעם שכל וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן.**

**תמים** תהיה עם ה' אלקיך (דברים יח-יג), התהלך עמו בתמימות, זיי א תמים פארן רבונו של עולם. דו ביסט דער בעל הבית אויף די גאנצע וועלט? דו ביסט נאר א בעל הבית אויף דיר אליין. טו דיך צושטעלן צום רבונו של עולם מיט וואס דו דארפסט. פון דיר האט מען פארלאנגט תורה און עבודה, צו לערנען און דינען דעם אייבערשטן, טוה וואס דו דארפסט צו טון. טוה דיין עבודה, און לאז איבער די איבריגע זאכן פארן רבונו של עולם.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן זיך קענען מדבק זיין אין תורה און עבודת ה', דינען דעם אייבערשטן פרייליכערהייט, מען זאל זיך אראפלערנען פון די עבודה פון די מלאכים. מיר זאגן יעדן טאג ווי אזוי די מלאכים דינען דעם אייבערשטן, וכולם עושים באימה וביראה רצון קונם, דאס וועקט אונז אויף יעדן טאג, בשעת מיר דארפן זאגן שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. זיי דיך מתבונן, טראכט אריין צוויי דריי מינוט פארדעם, ווי אזוי די מלאכים דינען דעם אייבערשטן, שטעל דיך צו צו די עבודה וואס די מלאכים דינען, וכולם עושים באימה וביראה רצון קונם. זיי האבן נישט קיין שום אנדערע מחשבה, זיי האבן נישט קיין שום אנדערע פניה, זיי לעבן דאך נישט אויף די וועלט, עס איז נישטא קיין קנאה און קיין שנאה, עס איז נישטא ביי זיי וואס איינער זאל זיין גרעסער פונעם צווייטן, זיי דינען דעם אייבערשטן מיטן גאנצען הארץ. זאל דער אייבערשטער אונז געבן, אז מיר זאלן אויך אזוי קענען דינען דעם אייבערשטן. מיר זענען פשוטע מענטשן, מיר זענען דאך ארומגענומען מיט א חומר וואס טוט אונז שטערן פון עבודת ה', אבער אז מען איז זוכה, און מען קען זיך אמאל ארויסהייבן פון זיין חומר, און זיין נשמה זאל לייכטן ביי זיך, קומט ער צו צו די ריכטיגע נקודה הפנימיות, ווי אזוי א איד דארף דינען דעם אייבערשטן. ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, צו זעהן אי"ה בקרוב בבנין ציון וירושלים, במהרה בימינו אמן.

*

♦ **רבינו שליט"א** דיבר בגודל מעלת שתיית היין ביום הפורים, ודברי מוסר בענין שתיית משקאות המשכרים בקידושים וכדומה: עס שטייט אין די מגילה (אסתר א-י), ביום השביעי כטוב לב המלך ביין, אחשורוש האט געטרינקען ווין, און עס איז געווען כטוב לב המלך. דער פסוק זאגט נישט, 'ב'טוב לב המלך ביין, אז ער איז געווען א טוב לב,

בשעת ער האט געטרינקען. עס שטייט נאר 'כ'טוב לב המלך ביין. עס שטייט אין מדרש (אסת"ר ג-יא), אז א גוי, אחשורוש, קען זיך אנטרינקען, עס קען זיין טוב לב המלך, אבער וואס וועט זיין מארגן צופרי? ער וועט אויפשטיין, און ער וועט זיין אויסגעניכטערט, וואס האט ער פון זיין טוב לב המלך? עס איז דען גוט, עס איז נישט גוט. ער טראכט נאר אז עס איז גוט. 'כ'טוב לב המלך, עס דאכט זיך אים, ער לעבט אין פאנטאזי"ע, ער טראכט, איך בין אחשורוש, איך בין גרויס, מיט דאס און יענס וכדומה, ער ברענגט ארויס אין זיין מחשבה אז עס איז גוט. עס איז אבער נישט טוב לב המלך, ווען דו וועסט אויפשטיין צופרי, און דו וועסט זיך אויסניכטערן פון די וויין, האלסטו וואו דו האסט געהאלטן נעכטן און אייער-נעכטן, עס איז גארנישט.

**ביי** יודען שטייט ביי מתן תורה, אז מען איז אהיימגעגאנגען שמחים וטובי לב (מלכים א ח-ס), זיי זענען געווען פרייליך וטובי לב, זיי זענען געווען גוט אין הארץ. ווען א יוד טרינקט אין פורים, איז נישט אז היינט האב איך געטרינקען, היינט בין איך געווען גוט אויפגעלייגט, און מארגן איז דאס פארגעסן. נאר מיר נעמען מיט דעם פורים אויף א גאנץ יאר, מיר נעמען מיט די שמחה, וואס מיר האבן זיך געפריידט מיט אן אמת'דיגע שמחה, מיט א אמת'דיגע פרייד, אז עס זאל בלייבן ביי אונז אין הארץ שטענדיג. מיר בלייבן שטענדיג טובי לב. א גאנץ יאר זענען מיר ליידער פאר'שיכור'ט, מיר פארשטייען נישט ווי גרויס מיר זענען, מיר פארשטייען נישט אונזער מעלה, מיר פארשטייען נישט וואס א יוד מיינט, אבער ווען עס קומט פורים, הייבן מיר אן צו פארשטיין די חשיבות פון א יודיש קינד, די חשיבות פון א יוד וואס איז דבוק אינעם אייבערשטן, א יוד וואס האט מקבל געווען די תורה. אחשורוש איז נאר געווען 'כטוב' לב המלך ביין, אין קאפ האט זיך אים געדאכט אז ער איז טוב לב המלך, אבער עס איז נאר געווען ביי אים א דמיון, דער טוב לב המלך.

**אזוי** דארף זיין א יוד. אין די טיפסטע נקודה אינעם הארץ איז טוב לב המלך, מיר זענען שמחים וטובי לב. נישט כטוב לב המלך, נאר שמחים וטובי לב. ווען א יוד איז מקבל די תורה איז ער פרייליך וטוב לב, עס איז נישט קיין שמחה וואס איז נאר פאר היינט, נאר עס איז א שמחה וואס מיר גייען מיטנעמען אויף א גאנץ יאר. היינט געבן מיר עס ארויס, מיר האבן די מעגליכקייט. א יוד טרינקט דאך נישט קיין וויין א גאנץ יאר.

**איך** וויל עס ארויסברענגען: **עס איז געווארן לעצטנס א ענין פון שכרות ביי פראסטע יודען,** מען טרינקט. עס איז געווארן א וועלט פון טרינקען! ווען מען מאכט א קידוש, דארף מען האבן די בעסטע וויין, מען דארף האבן די בעסטע ברוינפן, און מען טרינקט. **דאס איז נישט קיין יודישע מדה!** מען קומט אהיים שבת בייטאג נאך קידוש פון בית המדרש, און ער זאל זיין א שיכור אינדערהיים? מיט דעם ערציהסטו דיינע קינדער? דאס איז די הדרכה פאר דיין שטוב? אז דער קינד קוקט אים אן, איך האב א טאטע א שיכור! איך האב א טאטע וואס איז אנגעטרינקען! ווי זענען מיר אויף דער וועלט? פון וואו נעמט א יוד אויף זיך דעם אחריות אין גלות צו טרינקען און זיין שיכור? עס איז קיינמאל נישט געווען ביי יודען! אוודאי האט מען געטרינקען אמאל, מען האט זיך געדארפט משמח זיין, און א יוד דארף זיין בשמחה, אבער מיט א מאס! טרינקען און זיין שיכור איז נאר איינמאל אין יאר! עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי.

**ווען** עס איז דא א קידוש, און מען גיט צו טרינקען, דארף מען מוחה זיין דערויף. שולדיג זענען די בעלי שמחה וואס שטעלן צו אזא שמחה מען זאל קענען זיין שיכור ביים טיש, דאס איז נישט קיין יודישער וועג, דאס איז א וועג פון גוים, דאס איז הוללות, מען איז צעווילדעוועט, מען איז צופארן, ער דארף קיינעם נישט מחנך זיין, ווען ער קומט אהיים אין שטוב קען ער זיין א שיכור, און זיין אזוי ווי א צעלאזטער מענטש, דאס איז ביי אומות העולם. אבער ביי אונז יודישע קינדער, מיר טרינקען נישט מער ווי איינמאל א יאר. אין

ליובאוויטש האט מען געטרינקען אביסל מער ווי איינמאל א יאר, אבער עס איז אויך געווען מיט א גבול, עס איז געווען בשעת שמחה, און זיי האבן געוואלט אביסל ארויסברענגען די שמחה, זיי האבן געלעבט אין שווערע צייטן, מען ווייסט אז אין רוסלאנד איז נישט געווען גרינג צו זיין א יוד, מען האט געדארפט זייער אסאך אפפערן כדי מען זאל קענען זיין א יודיש קינד, האט מען געטרינקען, און מען האט זיך משמח געווען, כדי מען זאל קענען ארויסברענגען מער די געפילען צום רבונו של עולם, אבער דאס קומט נישט צו דעם וואס מען טרינקט היינט. מען דארף זיך אפגעוויינען און זעהן צו רעדן צו די בעלי שמחה, אז ווען מען מאכט א שמחה, זאל נישט זיין קיין שיכרות און הוללות. א יוד דארף טרינקען וויין אין פורים, און ווען מען טרינקט וויין אין פורים, דאס איז טובי לב! אה, עס איז אזוי גוט! מען זיצט און מען איז זיך משמח מיטן רבונו של עולם, דאס איז צו די זאך. אבער סתם אזוי צו טרינקען, מען טאר נישט. טרינקען דארף מען נאר, ווען מען קען עס אויסנוצן צו עבודת ה'.

*

♦ *אחר שזימרו בכלי שיר, נענה* **רבינו שליט"א** *ואמר:* ווען איך וואלט געקענט זינגען מיט א פייפער, וואלט איך א גאנצן טאג געזינגען! עס שטייט אזוי אין פסוק (תהלים קמט-ג) בתוף וכינור יזמרו לו. דוד המלך איז יעדע נאכט אויפגעשטאנען חצות לילה, להודות לך על משפטי צדקך (תהלים קיט-סב). עס שטייט אין די גמרא (ברכות ד.) אז דוד המלך האט געהאט א כינור, וואס אינמיטן די נאכט איז ער אויפגעשטאנען, און ער האט געזינגען פארן רבונו של עולם. עטץ האטס אמאל געשפירט דעם טעם, וואס דאס מיינט אויפצושטיין אינמיטן דער נאכט און זינגען פארן רבונו של עולם? פשוט עברי מיט טייטש, דוד המלך האט גענומען א כינור, ער האט גענומען א כלי זמר, און ער איז געשטאנען און געזינגען פארן רבונו של עולם. בתוף וכינור יזמרו לו, כי רוצה ה' בעמו, יפאר ענוים בישועה. איך קען נישט זינגען, אבער על כל פנים איך האב געהאט איינעם וואס האט מוציא געווען דא דעם ציבור, מען האט געזינגען, און מען דארף ארויסנעמען דערפון די חשיבות פון שמחה.

**דוד** המלך, דער זיבעטער אין די מרכבה אויבן אין הימל, אברהם יצחק יעקב יוסף משה אהרן דוד, האט אוועקגעגעבן א חלק פון זיין לעבן, נישט צו לערנען משניות, נישט צו לערנען גמרא, נישט צו לערנען פלפולים, נאר צו דאנקען פארן רבונו של עולם! וויפיל זענען מיר מחויב צו דאנקען פארן רבונו של עולם, מיר קענען שטיין א גאנצן טאג, און זינגען מיט כלי זמר, דאנקען דעם רבונו של עולם פאר דעם גוטס וואס ער טוט מיט יעדן יוד.

**מיר** זענען מלא טובות פונעם רבונו של עולם, וויפיל גוטס דער אייבערשטער גיט אונז, מיר זענען געזונט, מיר קענען זיצן פורים דא אינאיינעם, מען ליגט נישט אין שפיטאל, מען ליגט נישט אין בעט, דער אייבערשטער גיט אונז פרנסה, מיר האבן וואס צו געבן צו עסן פאר די קינדער און אזוי ווייטער. אזויפל חסד ורחמים וואס דער רבונו של עולם טוט מיט א מענטש, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די זכיה אז מיר קענען זיין פון די וואס זענען מכיר אז עס איז דא א מנהיג לעולם, עס איז דא א רבונו של עולם וואס פירט די וועלט. מיר זענען מכיר אז דער אייבערשטער פירט דעם מענטש אין יעדע זאך וואס ער דארף צו האבן, עס איז דא אן השגחה פרטיות פונעם רבונו של עולם, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן דערויף. אויב מען קען דאנקען מיט כלי זמר, דארף מען דאנקען מיט כלי זמר. און אויב מען קען נישט מיט כלי זמר, דארף מען דאנקען מיטן מויל. יעדן טאג דארף מען אפגעבן שבח והודיה פארן רבונו של עולם אויף וואס דער אייבערשטער גיט אונז אלעס וואס מיר דארפן צו האבן.

*

♦ *אחר שביאר* **רבינו שליט"א** *סיבת ענותנותו של משה רבינו, שבא לו על ידי שעלה למרום במתן תורה, וראה בעיניו גודל כבוד ה', וכאשר מכירים*

גודל כבוד ה', מכיר האדם גם שפלותו ואפסותו, הוסיף ואמר: מיר האבן נישט געזעהן קיין מלאכים אויבן אין הימל, אבער **ווער עס האט זוכה געווען צו זעהן אמאליגע ערליכע אידן ווי אזוי זיי האבן געדינט דעם אייבערשטן, איז נישט שייך ער זאל קענען זיין א בעל גאוה.** עס איז נישט שייך ער זאל זיך קענען גרויסהאלטן! מען האט געזעהן ערליכע יודען ווי אזוי זיי האבן געדינט דעם אייבערשטן מיט א אמת'דיגן ערליכקייט, מיט א אמת'דיגן אהבת ה', מיט א תמימות, מיט אן ערליכקייט, נישט אינזין געהאט קיין שום זאך פון זיך, מען האט נאר אינזין געהאט דעם רבונו של עולם, ווי אזוי זיי קענען טוען א נחת פארן אייבערשטן, ווער עס האט צוגעזעהן די עבודה פון די אמאליגע ערליכע יודען, איז נישט שייך אז ער זאל קענען שפירן ביי זיך אז ער האט עפעס א מעלה. אז מען זעהט ווי אזוי די מלאכים דינען דעם אייבערשטן, איז משה רבינו געווען עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה.

*

♦ כשהגשו לפני **רבינו שליט"א** המתנה של בחורי הישיבה כוס מצופה של כסף, הגיב **רבינו שליט"א:** איך דאנק פאר די אלע בחורים וואס האבן געגעבן די מתנה, און כמים פנים אל פנים, איך פארשטיי אז מען גיט א מתנה, גיט מען עס פון גרויס אהבה, און איך וויל זאגן, אז די אהבה פון מיר צו ענק, איז אסאך גרעסער. דער אייבערשטער זאל מיר געבן ווייטער אויך די זכיה צו קענען מרביץ תורה זיין, מתוך נחת והרחבת הדעת, קענען זיצן מיט ענק שטענדיג און לערנען תורה. אלע אנדערע זאכן זענען הבלי הבלים, די איינציגסטע זאך וואס איך האב א סיפוק אין מיין לעבן, איז נאר די שעה וואס מען זיצט און מען לערנט תורה מיט די בחורים. דער אייבערשטער זאל געבן אי"ה ביי ענק אלע, אז עס זאל זיין שמחות און נחת מיט פרייליכע שטובער, עטץ זאלטס אלע קענען זיצן און לערנען תורה מיט הרחבת הדעת.

**איך** האב היינט געזעהן פונעם **מהרי"ל** (במנהגים, ליקוטים אות פג), אז דער **מהרי"ל** זאגט, אז בשעת דער **רבינו תם** האט געלערנט, האט ער געהאט פאר זיך א שיסל מיט גאלדענע מטבעות, כדי ער זאל האבן הרחבת הדעת צו פארשטיין תורה. איך האב אמאל געמיינט אז עס איז א ווערטל, אבער אז דער **מהרי"ל** שרייבט עס, מיינט עס, אז דער הייליגער רבינו תם, וואס זיין תורה איז שגור בפינו, כדי ער זאל קענען ענטפערן א גוטן תירוץ אויף תוספות קשיא, האט ער געדארפט האבן הרחבת הדעת. אז מען האט הרחבת הדעת, לערנט זיך אנדערש.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תשא</u>***

בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **פנחס** נ"ו, בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ בקהלתנו הק' בוומסב"ג. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** בברכת המזון.

## פרשת ויקהל פקודי י"ז – כ"ג אדר תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקהל פקודי***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **צבי בערטראם** הי"ו (חתן הר"ר **אהרן הערש עלבאגען** הי"ו) שהתקיים באולם רענעסאנס. **רבינו שליט"א** השתתף בהסעודה, ובירך ברכת המזון על הכוס.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' פסח סימן תע"ב סעיף ח') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** פסוק (אסתר א-יט) זאגט, אז ווען ושתי האט זיך פארזינדיגט פארן מלך, האט דער מלך גערופן די אלע יודעי דת ודין, און ער האט זיי פארגעלייגט אז די מלכה האט געזינדיגט, און ער האט זיי געפרעגט, וואס עס קומט זיך איר. ויאמר ממוכן, אם על המלך טוב, אויב פארן מלך איז גוט, יצא דבר מלכות מלפניו, ויכתב בדתי פרס ומדי ולא יעבור, אשר לא תבוא ושתי לפני המלך אחשורוש, אז ושתי זאל נישט קומען צום קעניג, מען זאל איר הרג'ענען, ומלכותה יתן המלך לרעותה הטובה ממנה. וואס מיינט ויכתב בדתי פרס ומדי ולא יעבור, אשר לא תבוא ושתי. מען רעדט יעצט פון הרגענען ושתי, און נישט פון דעם אז ושתי איז נישט געקומען. רש"י טייטשט, אז מען זאל אריינשרייבן בדתי פרס ומדי, אז מען האט גע'הרג'ט ושתי, און די סיבה פארוואס מען האט איר גע'הרג'ט איז, אשר לא תבוא ושתי, אז זי נישט געקומען, ווען דער מלך האט איר גערופן.

**די** גמרא (פסחים כח.) זאגט, סדנא בסידני יתיב, דער וואס מאכט פאר די מיליטער די סדנא, וואס מען פלעגט דערין איינשפארן די פוס פון ארעסטירטע מענטשען, אז מען זאל נישט קענען אנטלויפן. צום סוף ווען ער טוט א עוולה, זעצט מען אים אריין אין דעם סדנא וואס ער האט אליין געמאכט. מדויל ידיה משתלם, פון דאס וואס ער האט אליין געטון, פון דעם ווערט ער באצאלט. גירא, דער וואס מאכט פיילן, בגיריה מקטיל, שפעטער ווערט ער גע'הרג'ט מיט א פייל, וואס ער האט אליין געמאכט. א מענטש איז אמאל מייעץ א זאך פאר יענעם לרעה, און צום סוף בריהט ער זיך אליין אפ, מיט דעם וואס ער האט מייעץ געווען אויף יענעם.

**ממוכן** זה המן (מגילה יב:), דער ממוכן האט געוואלט זעהן דעם ושתי אינדרויסן פונעם בית המלכות, אז מען זאל איר הרג'ענען. ער האט אבער געהאט א פראבלעם, ווייל ער האט געוואוסט אז דער מלך וועט זיך שפעטער איבעררעכענען וואס ער האט געטון, אז ער האט געהרגט די מלכה. און אויף וועם וועט ער ארויפלייגען שפעטער די שולד, אויף די יודעי דת ודין וואס האבן אים צוגערעדט דערצו, און מען האט אפגע'פסק'נט אז עס קומט אזוי. האט ער געזאגט פארן מלך, אז ער האלט, אז מען דארף נישט ברענגען די זאך פאר די יודעי דת ודין. טאמער איינער זינדיגט פארן מלך אליין, האט דער מלך א רעכט צו פסק'ענען ווי אזוי ער וויל, און ער דארף נישט פרעגן די יודעי דת ודין. ער האט געוואוסט אז ויקצוף המלך מאד, וחמתו בערה בו, וועט ער שנעלערהייט ארויסזאגן, אז עס קומט זיך איר מיתה, און מען וועט איר הרג'ענען. ער האט דעמאלטס פארגעשלאגן, אז נאר ווען ראובן מיט שמעון האבן א סכסוך, דעמאלטס דארף מען גיין צו די יודעי דת ודין, אבער וואס עס איז נוגע פארן מלך, איז דער מלך דער בעל הבית, און דער מלך קען אליין אלעס אפ'פסק'ענען.

**ער** האט אבער מורא געהאט, אז די מלכה וועט קומען, און זי וועט מפייס זיין דעם מלך, און דער קעניג וועט אננעמען איר פיוס, אז זי האט נישט געוואלט, און זי האט נישט געמיינט, אזוי ווי דער סדר איז, און ער וועט איר נישט

הרגענען, און ער וועט נישט צוקומען צו דאס וואס ער האט געוואלט, אז מען זאל הרג'ענען ושתי. האט ער געזאגט, אז ער שלאגט פאר פארן מלך, אז מען דארף מאכן א תקנה, אז ווען איינער האט געזינדיגט פארן מלך, קען ער זיך מער נישט באווייזען פארן מלך. און אז ער קען זיך נישט באווייזען פארן מלך, קען ושתי מער נישט קומען און זיך מתחנן זיין אויף וואס זי האט געטון.

**האט** ער געזאגט, אם על המלך טוב, יצא דבר מלכות 'מלפניו', און מען דארף נישט האבן די יודעי דת ודין. אויב עס איז א דבר מלכות, אויב עס האט צוטון מיטן מלך, מוז מען נישט האבען קיין יודעי דת ודין, נאר דער מלך זאל עס אליין אפ'פסק'ענען. נאכדעם, ויכתב בדתי פרס ומדי, אשר לא תבא ושתי אל המלך, אז ושתי קען מער נישט קומען צום מלך. ממילא האט ער באווארענט דאס אויך, אז זי וועט זיך נישט קענען קומען איבערבעטן מיטן מלך. פארן מלך איז עס געפעלען, מען האט אים געגעבן די כבוד אז יצא דבר מלכות מלפניו, האט ער גע'פסק'נט אז מען זאל איר הרג'ענען. און ושתי האט נישט געקענט קומען מפייס זיין, ווייל אשר לא תבוא ושתי אל המלך, און מען האט גע'הרג'ט ושתי.

**שפעטער** ווען המן האט זיך פארזינדיגט פארן מלך, והמן נופל על המטה אשר אסתר עליה, ויאמר חרבונה, גם הנה העץ אשר עשה המן למרדכי, עומד בבית המן גבוה חמשים אמה, ויאמר המלך תלוהו עליו (אסתר ז-ט). וואס איז טייטש, ויאמר המלך תלוהו עליו, ער ברענגט דאך יעדע זאך פאר די יודעי דת ודין. וואס הייסט מען נעמט אים פון איין מינוט אויפן צווייטען, און ער זאגט תלוהו עליו. נאר המן האט דאך שוין געהאט אפגע'פסק'נט פון פריער אז יצא דבר מלכות מלפניו, אז אויב עס איז א דבר מלכות, מען האט געטשעפעט דעם מלך, דארף מען נישט האבן קיין יודעי דת ודין, נאר דער מלך איז בארעכטיגט צו טון וואס ער וויל. און אז דער מלך איז בארעכטיגט, ויאמר המלך תלוהו עליו. - און ער האט אפילו נישט געקענט קומען זיך מתחנן זיין צום מלך, און איבערבעטן

דעם מלך, ווייל ער האט שוין דעמאלטס אפגע'פסק'נט אשר לא תבוא ושתי אל המלך, אז מען קען נישט קומען. קומט אויס, אז די עצה וואס ער האט געגעבן דעמאלטס פארן מלך, דאס איז געווארן אויסגענוצט פאר אים. דאס וואס מען האט גע'הרג'ט שפעטער המן, איז געווען וועגן זיינע צוויי עצות וואס ער האט דעמאלטס געזאגט, אז צו א דבר מלכות דארף מען נישט האבן קיין יודעי דת ודין, דער מלך קען עס פסק'ענען. און אז א מענטש וואס האט געזינדיגט פארן מלך, קען זיך נישט באוויזען פארן קעניג, דאס איז שפעטער געווארן אויסגענוצט אקעגן אים אליין.

**מען** זאגט אין על הנסים, ואתה ברחמיך הרבים הפרת את עצמו, וקלקלת את מחשבתו, והשבות לו גמולו בראשו, ותלו אותו ואת בניו על העץ. המן האט דעמאלטס געגעבן די עצה פון יצא דבר מלכות מלפניו, דער מלך קען אלעס טון, און דער מלך דארף נישט קיין יודעי דת ודין. די עצה וואס ער האט דעמאלטס געגעבן, והשבות לו גמולו בראשו, מיט דעם האט ער צוריקבאקומען זיין גמול. דמה בנפשו ללכוד, ונלכד (בפיוט אשר הניא).

**מענטשען** מאכען אמאל חשבונות, מען האט צוטון מיט איינעם, און מען זוכט ווי אזוי מען קען אים אונטערלייגען א פוס'ל וכדומה. אז מען וויל נישט אויבן אין הימל, איז רבות מחשבות בלב איש, ועצת ה' היא תקום (משלי יט-כא). **וואס מען וויל טון פאר יענעם, שפעטער שטעלט זיך עס אויס, אז וואס דו האסט געוואלט אונטערשטעלן פאר יענעם, איז געווען פאר יענעם אמאל א טובה. און אפילו פאר יענעם איז עס נישט געווען א טובה, אבער דו וועסט אויך ליידען שפעטער פון וואס דו האסט געטון.** דאס האט אונז געלערנט די מגילה, אז המן האט געוואלט הרג'ענען ושתי, און וואס ער האט אונטערגעשטעלט פאר ושתי, דאס האט צוגעברענגט אז ווען ער האט זיך פארזינדיגט פארן קעניג, האט דער מלך אים גע'הרג'ט. מען זאל זיך לערנען דערפון, אז השלך על ה' יהבך, מען דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען.

תמים תהיה עם ה' אלקיך (דברים יח-יג), מען דארף מתפלל זיין ביי יעדע זאך, אז דער אייבערשטער זאל העלפן. ווען מען נעמט זיך אליין דעם דין אין די הענט, און מען וויל זיך מיט יענעם אפרעכענען, ווייסט מען קיינמאל נישט וואס עס וועט זיך אויסלאזן. מען מיינט אז מען האט זיך מיט יענעם אפגערעכנט, און עס דרייט זיך איבער שפעטער לטובתו פון יענעם, און לרעה פון דעם וואס האט עס מייעץ געווען.

*

***יום שני פרשת ויקהל פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **בנימין פערלשטיין** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ער האט אסאך געטון פאר מונקאטש.

**א' אבלים:** ער האט אויך געטון פאר אלע יודען. ער האט עס געטון מיט א שמחה, ער איז געווען באליבט ביי יעדן, איך גלייב נישט אז ער האט געהאט איין שונא. אשרי מי שחתמו ימיו במהרה.

**רבינו:** עס שטייט אין **אבן עזרא** (במגלת אסתר), אז דער פסוק (אסתר י-ג) זאגט, אז מרדכי איז געווען רצוי לרוב אחיו. די גמרא (מגילה טז:) זאגט, לרוב אחיו ולא לכל אחיו, שפרשו ממנו מקצת סנהדרין. זאגט דער **אבן עזרא**, עס איז נישט דא א מענטש וואס זאל קענען זיין רצוי 'לכל' אחיו, עס איז דא קנאה וכדומה. רצוי 'לרוב' אחיו, איז אויך א גרויס טיטל.

איך האב געזען אין **ילקוט הגרשוני**, אז ער ברענגט צו, אז מרדכי איז געווען משנה למלך אחשורוש, וגדול ליהודים, ורצוי לרוב אחיו. זאגט ער, א מענטש ווען ער ווערט נתעלה ביי א מלך, און ער קען אלעס ערלעדיגען, באפאלט מען אים פון די גאנצע שטאט. דער דארף די פראטעקציע, און דער דארף א צווייטע פראטעקציע. ער קען אבער נישט טון פאר יעדן איינעם וואס מען בעהסט, ווייל ער קען נישט אויסנוצן זיין פראטעקציע פאר קלייניגקייטן, ער מוז עס אוועקלייגן פאר גרויסע זאכן. מוז ער אפזאגן פאר אסאך מענטשען וואס פארלאנגען פון אים, איז ממילא איז מען נישט רצוי פאר זיי, ווייל דו ביסט דאך נאנט צום מלך, און דו קענסט מיך נישט ערלעדיגען אזא קלייניגקייט. ער דארף עס אבער אויסנוצן פאר וויכטיגערס. מרדכי איז געווען משנה למלך, אבער ער איז נאר געווען רצוי 'לרוב' אחיו, ווייל ער האט נישט געקענט טון פאר יעדן. דו זאלסט אבער נישט מיינען, אז וועגן דעם האט ער נישט געטון פאר יעדן איינעם, ווייל ער האט נישט געוואלט. זאגט דער פסוק אז מרדכי איז געווען 'דורש טוב לעמו', ער האט געזוכט אז די טובה זאל זיין פארן גאנצן פאלק, אבער בעצם איז ער געווען 'דובר שלום לכל זרעו', ער איז געווען גוט צו יעדן.

*

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יונה לעפקאוויטש** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יחיאל שטערן** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **נפתלי פרידמאן** הי"ו (בן הר"ר לוי יצחק פריעדמאן הי"ו), עב"ג בן הר"ר **יחיאל קאסירער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת ש"ב **הרה"ג רבי משה מנחם ווייס שליט"א** דומ"ץ פאפא ב"פ, עב"ג בן **הרה"ג רבי משה טייטלבוים שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת ויקהל פקודי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך

התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק וסידור קידושין אצל החופה של החתן **פנחס** נ"ו, בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג, עב"ג בת הר"ר **חיים אלעזר ענגלענדער** הי"ו, שהתקיים באולם די לעגאסי. אחר החופה רקד **רבינו שליט"א** עם החתן לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויקהל פקודי***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת בוידעק, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **מרדכי בוידעק** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

*

***יום חמישי פרשת ויקהל פקודי***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **פנחס דוד קאליש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בית יעקב נחמי' דסאטמאר. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמואל ווידער** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת ויקהל פקודי***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **עקיבא זינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת ויקהל פקודי***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אברהם יודא שווארץ** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית נתכבד הרב **פרץ טובי' דייטש** שליט"א (בן **הרה"ג רבי חיים יהודא דייטש שליט"א** אב"ד חוג חתם סופר, פ"ת) בברכת המזון.

במוצאי שבת הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת היללער, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **חיים היללער** ע"ה).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרה"ג רבי **שמחה אהרן שטראהלי** שליט"א דומ"ץ דקהלתנו שהתקיים בבית מדרשנו בוומסב"ג.